# עונג שבת



**גוט שבת אלע אידן.** אין תש"נ, איז אונגארן ערשט באפרייט געווארן פון די רוסישע ימ"ש וועלכע האבן קאנטראלירט אונגארן זייט תשט"ז. פאר די ערשטע מאל אין מער ווי 30 יאר האבן די אונגארישע געהאט אביסל פרייהייט. די אידן אין אונגארן האבן געפרייט א באזונדערע שמחה, ווייל זיי האבן געקענט זיך אינטערעסירן אין אידישקייט, א זאך וואס איז שטארק פארבאטן געווארן פאר זיי.

אנערקענענדיג דעם גרויסען געלעגענהייט צו העלפן אידן, האבן דער גביר אלבערט רייכמאן ע"ה צוזאמען מיט ר' דוד מאסקאוויץ הי"ו פון ברוקלין, געמאכט א פלאן צו עפענען חינוך מוסדות אין בודאפעסט. די צוויי עסקנים האבן געהערט וועגן דעם גרויסע דארשט פאר אידישקייט וואס די אונגארישע אידן האבן דעמאלט געהאט. זיי האבן געדינגען ר' מיכאל כהן פון לאנדאן צו פארן קיין אונגארן צו זיין דער מנהל פון די מוסדות אין בודאפעסט.

גלייך דערנאך איז ר' מיכאל טאקע געפארן קיין אונגארן. מען האט געלייגט "עדס" אין די אונגארישע צייטונגען וועגן דעם עפענונג פון די נייע מוסדות. ר' מיכאל האט געשאצט אז עס וועט קומען בערך 50 תלמידים איינצושרייבן. צוליב דעם האבן די עסקנים געדינגען נאר אפאר שטובער צו האלטן דארט דעם חדר ביז זיי וואלטן קענען ערלעדיגען א בנין, וכדו'.

ר' מיכאל מיט די אנדערע מלמדים זענען איבערראשט געווארן ווען, אין דעם באשטימטען טאג, זענען געקומען 450 קינדער מיט זייער עלטערן!

גלייך האט מען גערופן ארץ ישראל, אמעריקא און ענגלאנד צו קענען פארשאפן מלמדים מיט טיטשערס פאר אלע תלמידים און תלמידות. ב"ה אז זיי האבן שנעל מצליח געווען צו טרעפן גוטע מלמדים מיט טיטשערס, און די מוסדות האבן אנגעהויבן צו געבן א ריכטיגע אידישע חינוך צו די אלע קינדער וואס האבן אזוי שטארק געוואלט לערנען וועגן אידישקייט.

עטליכע וואכן שפעטער האט דער מנהל ר' מיכאל געמאכט א "פי.טי.עיי." אסיפה פאר די עלטערן. ר' מיכאל האט שטארק געוואלט וויסן דער סיבה פארוואס אזוי סאך עלטערן האבן געוואלט שיקן זייער קינדער צו אידישע מוסדות. "זאגט מיר," האט ער אנגעהויבן צו פרעגן א גרופע טאטעס, "פארוואס האט איר געשיקט אייערע קינדער צו אונזער מוסדות, נאך אזוי סאך יארן פון בכלל נישט האבן קיין אידישקייט?" עס איז געווען א פלא אין ר' מיכאל'ס אויגן, ווייל רוב אויב נישט אלע עלטערן זענען נישט געווען פרום.

"איך געדענק אז," האט איין טאטע אנגעפאנגען צו זאגן, "אלס גאר קליין קינד, בין איך געגאנגען אין חדר, וועגן דעם האב איך געוואלט אז מיין קינד זאל אויך גיין." אן אנדערער טאטע האט געזאגט זיין סיבה. און אזוי איז עס געגאנגען. זיי זענען ארומגעגאנגען און אלע טאטעס האבן געגעבן א סיבה. עס איז געבליבן אבער איין טאטע וואס האט גארנישט געזאגט. ר' מיכאל האט דאס באמערקט און ער האט געפרעגט דעם איד אויב ער וויל זאגן זיין סיבה. דער איד האט ערשט נישט געוואלט רעדן, ווייל ער איז געווען איבערגענומען מיט התרגשות. אבער צום סוף האט ער מסכים געווען. ער האט געזאגט אז ער מוז דערציילן א מעשה פון 50 יאר פריער. דער עולם איז געווארן שטיל הערענדיג דעם אינטערעסאנטען מעשה.

"די דייטשע ימ"ש האבן זיך באזעצט אין אונגארן אין תש"ד. די דייטשע האבן געוואוסט אז די מלחמה האט שוין געענדיגט פאר זיי, אבער זיי האבן נאכאלץ פרובירט צו זוכן אידן אין אונגארן כדי זיי צו שיקן קיין אוישוויטץ, ה' ירחם. פארשטייט זיך אז אלע אונגארישע אידן האבן געציטערט פון דער אמתער סכנה.

איין נאכט, האב איך געהערט מיינע עלטערן קריגן זיך איינער מיט דעם צווייטן. איך האב געהערט א רעש פון מיין שטוב אויבן און איך בין אראפגעקומען צו הערן פונקליך וואס זיי רעדן. אבער די טיר צו דעם שבת צימער וואו זיי האבן גערעדט איז געווען פארשפארט און איך האב נישט געקענט אריינקומען. אלעס וואס איך האב געקענט טון איז אריינקוקן דורך דעם שליסל לאך. (אמאליגע טירן האבן געהאט לעכער אין די פלאץ ווי מען לייגט אריין די שליסל.)

מיין טאטע איז געווען מורא'דיג נערוועז. ער האט געזאגט צו מיין מאמען, "פארוואס האסטו מורא? קיינער ווייסט נישט אז מיר זענען אידן! מיר קוקן נישט אויס אידיש. מיר פירן זיך אויף נישט אידיש. מיר האבן נישט קיין אידישע חברים און מיר האבן אפילו נישט קיין אידישע זאכן אינדערהיים. פארוואס זאלן די דייטשע טראכטן אפילו פון קומען דא?" האט מיין טאטע געזאגט.

מיין מאמע איז אבער נישט בארוהיגט געווארן. "ווי אזוי קענסטו זיכער זיין אז קיינער ווייסט נישט אז מיר זענען אידן? אפשר איז דא א ליסטע פון אידן ערגעץ? אפשר ווייסט איינער די אמת און ער וועט אונז מסר'ן כדי ער אליינס זאל גערעטעוועט ווערן!"

מיין טאטע האט אוועקגעמאכט מיין מאמע'ס טענות. און ער האט איר געזאגט, "אפילו גיין זיי קומען דא, זיי גיין נישט קענען אויפווייזן אז מיר זענען אידן. עס איז דא גאר נישט אין שטוב וואס..." מיין טאטע האט אויפגעהערט אין מיטן זיין רייד. דאן האט מיין טאטע ארומגעקוקט דעם שטוב, און פלוצלינג האט ער געוויזן מיט זיין האנט צו א ספר אויפן ספרים שאנק. מיין מאמע האט זיך געדרייט צו זען וואס מיין טאטע האט געוואלט ווייזן. עס איז געווען א סידור. מיין באבע האט צו מיין מאמען געגעבן דעם סידור אין דעם טאג פון איר חתונה. עס איז געווען דעם זעלבן סידור וואס מיין באבע'ס מאמע האט איר געגעבן אין דעם טאג פון איר חתונה.

מיין מאמע האט גענומען דעם סידור און זי האט עס אויפגעמישט מיט גרויס התרגשות. מיין הארץ האט שטארק געקלאפט, ווייל איך האב געזען ווי מיין מאמע שטייט לעבן דעם קאמין (דער פלאץ וואו א פייער ברענט אין א שטוב). איך האב נישט געוואלט גלייבן וואס קען געשען... פלוצלינג האט זי זיך געדרייט צו מיין טאטען און געזאגט, "דו ביסט גערעכט, פארוואס דארפן מיר דאס האבן בכלל?!?" און מיט די ווערטער האט זי דעם סידור אין פייער אריינגעווארפן!

איך בין געווארן מורא'דיג דערשראקן. איך בין געלאפן צו מיין שטוב און דארט האב איך געוויינט מער ווי א שעה. אפילו מיר האבן נישט געהאט קיין אידישע חברים און איך האב דעמאלט בכלל זיך נישט אויפגעפירט ווי א איד, האב איך געוואוסט אין מיין הארץ אז מיין מאמע האט עפעס נישט ריכטיג געטון."

דער מענטש האט אויפגעהערט צו רעדן פאר א פאר סעקונדעס. "דורך אלע יארן האב איך געקענט זען אין מיין מוח ווי די בלעטער (פונעם סידור) ברענען אין דעם פייער. איך האב געהערט אז איר גייט עפענען א חדר, און איך האב געוואוסט אז איך גיי ברענגען מיין קינד צו אייך... ווייל דא קען איך געבן מיין קינד א סידור!"

דער מנהל ר' מיכאל האט דערציילט דעם מעשה צו מר. רייכמאן און ר' דוד מאסקאוויץ, די עסקנים וועלכע האבן געגרינדעט די מוסדות מיט זייער נדבות. די צוויי האבן געקוועלט פון הערן ווי זייער שטיצן תורה מוסדות האט משפיע געווען גוטס אויף אזוי סאך אידן. שטעלט אייך פאר ווי גרויס א זכות די עסקנים האבן דורך שטיצן די מוסדות. חז"ל זאגן דאך "גדול המעשה יותר מהעושה" (בבא בתרא ט.) איינער וואס מאכט אנדערע טון מצוות איז גרעסער ווי דער מענטש אליינס וואס טוט די מצוה!

איז יעצט אז מיר האלטן פאר דעם גרויסן דינער, לאמיר אביסל רעדן פון דעם ענין פון שטיצן אונזערע הייליגע מוסדות התורה בפרט דעם גאר חשובן מוסד דעם מרכז הכוללים, בנשיאות של כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א. עס איז זעלבספארשטענליך, אבער עס קען נישט שאטן צו דערמאנען נאכאמאל: די כוללים זענען די ריקןביין פון אונזערע קהילה. ווייל כ"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט זצוקללה"ה האט געגרינדעט דעם שטעטל מיט דער כוונה צו מאכן א פלאץ פון קדושה און טהרה. און ווי אזוי קענען מיר זיך פירן ווי עס דארף צו זיין? נאר ווען אונזערע יונגעלייט, די טאטעס פון אונזערע משפחות זענען זיך מקדש מיט לימוד התורה. וועגן דעם איז יעדער איינער מחויב צו שטיצן דעם כולל וויפיל מען קען, ווייל אן דעם האט מען נישט קיין שטעטל, חס ושלום! איז לאמיר אויסליידיגן די קעשענעס פארן כולל, בפרט אין די יאר וואס די כולל איז געווארן ב"ה אזוי גרויס.

די תורה באפעלט אונז די וואך "עזב תעזב עמו" אז מען דארף אפילו העלפן א מענטש וואס מען האט נישט ליב. כל שכן כל שכן מוז מען דעמאלט שטיצן דעם כולל ווייל לומדי תורה זענען דאך די חשובסטע זאך אין דעם אייבערשטענ'ס אויגן. דורך שטיצן דעם כולל זענען מיר מקיים דעם רצון פון כ"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט זצוקללה"ה. דורך שטיצן דעם כולל גיין מיר אי"ה אלע זוכה זיין צו אלע השפעות טובות סיי אין די וועלט און סיי אין עולם הבא.

**גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר מרדכי מאשל הי"ו לרגל שמחת לידת נכדו לבנו מוה"ר משה הי"ו • מזל טוב למוה"ר יעקב יוסף וואזנער הי"ו לרגל שמחת הבר מצוה של בנו יצחק אהרן נ"י
מזל טוב למוה"ר יצחק ברייער הי"ו לרגל שמחת הבר מצוה של בנו יום טוב ליפמאן נ"י

נתרם לרפו"ש של מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא, צבי בן חנה, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח"י לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה
לע"נ עמרם בן שמעון ע"ה לע"נ בלומא יוכבד בת אברהם צבי ע"ה • לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:)**